פרשת תולדות ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון כ"ח ||| שנה ב'

# הבינוני

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט"א

פטרון סדר בראשית
הרוצה בעילום שמו
לזכותו ולזכות משפחתו
לברכה והצלחה ברוחניות ובגשמיות

## בר בטחתי

**אשרי שא-ל יעקב בעזרו;**
וויאַזוי צו טון השתדלות ריכטיג

יום ג' ואתחנן י"ב אב תשע"ט

א

## יבטח בשם ה' וישען באלוקיו; פאָלגן דעם רצון ה' איז דאָס בעסטע השתדלות וואָס העלפט אַלעמאָל

### דער רבוש"ע פרעגט זיך נאָך אויף אַ איד וואָס איז נישט אָנגעקומען אין ביהמ"ד

דער נביא זאָגט (ישעיהו נ, י): "**מי בכם ירא ה' שומע בקול עבדו אשר הלך חשכים ואין נוגה לו, יבטח בשם ה' וישען באלוקיו**", די פּשוט'ע טייטש פון דעם פּסוק מיינט אַז אַן ערליכער איד וואָס גייט אַריבער טונקעלע צייטן, ס'איז אים נישט ליכטיג, זאָל ער זיך פאַרלאָזן אויפ'ן אויבערשטן, ער זאָל זיך סומך זיין אויף השי"ת.

די **גמרא** דרשנ'ט אָבער דעם פּסוק אין **מסכת ברכות** (ו, ע"ב), אַז דאָס גייט אַרויף אויף איינעם וואָס פלעגט קומען אין בית המדרש און ער איז איין טאָג נישט אָנגעקומען.

די גמרא זאָגט: "**כל הרגיל לבוא לבית הכנסת, ולא בא יום אחד הקדוש ברוך הוא משאיל בו, שנאמר: מי בכם ירא ה' שומע בקול עבדו אשר הלך חשכים ואין נגה לו.**" - אַ איד וואָס איז איז געווען רגיל צו קומען אין בית הכנסת און איין טאָג איז ער נישט אָנגעקומען, פרעגט דער רבוש"ע זיך נאָך אויף אים: "**וואָס איז מיט דעם איד?! וואו איז ער?! ער איז נישט געווען היינט ביי שחרית, ער איז נישט געווען היינט ביי זיין קביעות עתים לתורה**".

זאָגט די גמרא ווייטער: "**אם לדבר מצוה הלך, נוגה לו**" - אויב דער איד איז נישט געקומען אין שול ווייל ער איז געווען פאַרנומען מיט אַ דבר מצוה דעמאָלט וועט אים זיין ליכטיג, ער וועט מצליח זיין. אָבער: "**ואם לדבר הרשות הלך אין נוגה לו, יבטח בשם ה', מאי טעמא? משום דהוה ליה לבטוח בשם ה' ולא בטח**". - אויב איז ער נישט געקומען אין בית הכנסת ווייל ער איז געגאַנגען אויף אַ דבר הרשות, דעמאָלט וועט ער נישט מצליח זיין, וואָס איז די טעם? ווייל ער וואָלט זיך געדאַרפט פאַרלאָזן אויפ'ן אויבערשטן און ער האָט זיך נישט פאַרלאָזט.

### אויב מען טוט 'קביעות עתים' פאר פּרנסה איז דאָס נישט קיין מצוה

דער **מהרש"א** אויפ'ן פלאַץ איז מסביר, אַז די גמרא רעדט פון איינער וואָס האָט פאַרפעלט זיין 'קביעות עתים לתורה' אָדער זיין 'תפלה בציבור' צוליב דעם וואָס ער דאַרף אַרבעטן פאר פּרנסה. וואָלט מען אפשר געקענט זאָגן אַז דאָס הייסט אויך אַ 'דבר מצוה' ווייל דער אויבערשטער האָט דאָך געהייסן אַז מען זאָל עוסק זיין אין פּרנסה, דער מענטש האָט דאָך געשריבן אַ כתובה וואו ער איז זיך מחייב דערצו. ער קומט מיט אַ טענה: "איך אַרבעט דען פאר מיר? דו ווייסט אַז דאָס גאַנצע געלט גייט גלייך פאר 'שכר לימוד'? דאָס געלט דאַרף איך האָבן פּשוט צו קענען מפרנס זיין מיין שטוב מיט קינדער".

וואָלט דעריבער געווען אַ סברא צו זאָגן אַז דאָס איז אויך אַ 'דבר מצוה'; דעריבער זאָגט די גמרא: "מאי טעמא? משום דהוה ליה לבטוח בשם ה' ולא בטח": **ווער האָט דיך געהייסן מאַכן השתדלות פאר פּרנסה אין דער צייט וואָס דו דאַרפסט דאַווענען אָדער לערנען?!** וואָלסט געדאַרפט האָבן בטחון אין השי"ת אַז ער וועט דיך שוין געבן דיין פּרנסה!

**די חיוב פון 'השתדלות' איז בלויז אויב ס'איז נישט אויפ'ן חשבון פון תורה און תפלה!** אין דער רגע וואָס דאָס גייט אויפ'ן חשבון פון תורה אָדער תפלה האָט דער אויבערשטער דאָס קיינמאָל נישט געהייסן טון, במילא איז עס שוין נישט קיין דבר מצוה!

> **ער קומט מיט אַ טענה: "איך אַרבעט דען פאר מיר? דו ווייסט אַז דאָס גאַנצע געלט גייט גלייך פאר 'שכר לימוד'?**

### 'השתדלות' איז בלויז ערלויבט ווען מען טוט דאָס ריכטיג

נאָכמער: די פאַקט איז אַז **'השתדלות' האָט נאָך קיינמאָל נישט געברענגט פאר קיינעם קיין**

**פּרנסה**, אפילו עס קוקט אַמאָל אויס אַזוי. פּוק חזי! מ'דאַרף בלויז כאַפּן אַ בליק אַז ס'איז דאָ צענדליגער טויזנטער מענטשן וואָס האָבן שוין געטון אַלע סאָרט השתדלות מיט זייער גאַנצע מעגליכקייט. זיי חלומ'ען צו ווערן עשירים און זיי זענען דערפאַר מקריב זיך מיט זייער משפּחה, אָבער עס העלפט זיי גאָרנישט!

דאָס זענען מעשים בכל יום פון טויזנטער מענטשן וואָס זענען עוסק מיט השתדלות בכל כוחם, און **זיי האָבן נישט קיין געלט!** ווידער פאַרקערט זענען דאָ מענטשן וואָס האָבן יאָ שטאַרק מצליח געווען אָן מאַכן קיין איבריגע השתדלות. ווייל פאר ווענמען השי"ת באַשערט וועט האָבן, און ווענמען עס איז נישט באַשערט וועט נישט האָבן! איז דאך קלאָר אַז **אַזאַ סאָרט השתדלות וואָס גייט אויפ'ן חשבון פון דעם תפלה בציבור אָדער אויפ'ן חשבון פון 'קביעות עתים' הייסט ניטאַמאָל קיין השתדלות** און ס'איז אודאי נישט קיין דבר מצוה!

## ס'איז אוממעגליך צו שאָדן האָבן פון 'קביעות עתים לתורה'

אַ איד האָט דערציילט אַז ער איז שוין יאָרן לאַנג אַ מלמד במשך דעם טאָג, און נאָכמיטאָג איז ער אַ 'טיטשער' פאר לימודי חול. ער פאַרדינט נישט קיין סאַך געלט און ער דעקט זיך קוים דעם חודש, אָבער יעדן נאָכמיטאָג האָט ער געהאַט אַ סדר קבוע אַז פון פינף ביז זעקס אזייגער איז באַשטימט פאר זיין טעגליכער שיעור מיט אַ חברותא. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן לאַנגע יאָרן, חוק ולא יעבור.

איין טאָג האָט מען אים געמאָלדן פון דעם פלאַץ וואו ער האָט געלערנט 'לימודי חול', אַז זיי האָבן אַביסל געטוישט דעם סדר היום, און פון היינט און ווייטער ווען זיי רוקן די צייט מיט אַ האַלבע שעה. ס'איז אויסגעקומען אַז ער וועט מוזן ענדיגן דאָרט האַלב נאָך זעקס, און ער וועט נישט קענען ממשיך זיין מיט זיין קביעות'דיגע שיעור, פון פינף ביז זעקס אַזייגער נאָכמיטאָג.

דער איד איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט, אָבער ענדגילטיג האָט ער מחליט געווען אַז טראָצדעם וואָס ער קען דאך אַביסל רוקן זיין צייט פון 'קביעות עתים' גייט ער דאָס נישט טון. ער האָט ענדערש געענצליך אָפּגעזאָגט די פּרנסה, מיט אַ בטחון און אמונה אַז דער רבוש"ע גייט אים שיקן געלט פון אַן אַנדערע פלאַץ. **עס איז געווען ביי אים אַ 'דבר פשוט' אַז דער רצון ה' איז נישט אַז ער זאָל יעצט טוישן זיין שיעור צוליב פּרנסה.**

ס'איז אַריבער בלויז עטליכע טעג, און אָן דעם וואָס ער זאָל טון סיי וועלכע השתדלות, איז אים פלוצלינג אָנגעקומען אַ פאָרשלאַג פון אַן אַנדערע פלאַץ, וואָס איז געווען פיל אַ בעסערע הצעה ווי די ערשטע פלאַץ וואָס ער האָט אָפּגעזאָגט. ס'איז נענטער צו זיין שטוב, ס'איז בעסערע שעות, **און זיי צאָלן אים אַסאַך מער געלט ווי ער פלעגט באַקומען באַצאָלט!**

## די השתדלות וואָס העלפט יאָ; קיום התורה והמצוות

יעדער מענטש האָט אַזעלכע סאָרט נסיונות, און די שוועריגקייט דערפון איז אויב מיר גלייבן אין דעם "מיטל"; אויב מען איז זיך בוטח אין דעם "וועג" פון פּרנסה, כאילו דאָס ברענגט אונז די הצלחה, דעמאָלט איז די פאַלשע בטחון גורם אַז ס'ברענגט אונז אַראָפּ און עס מאַכט אַז מיר זאָלן נישט האָבן די אמת'ע אמונה, זיך צו פאַרלאָזן בלויז אויף דעם אויבערשטן.

נאָכדעם וואָס מיר ווייסן שוין אַז "השתדלות אַרבעט נישט", **דאַרפן מיר געדענקן "וואָס אַרבעט יאָ?!"** דער תירוץ דערויף שטייט אין די ספרים הק', אין די פּסוקים און אין דברי חז"ל, אַז **אויב מען איז מקיים תורה און מצוות ברענגט דאָס אַ שפע פאַר'ן מענטש!** אַלעס וואָס דאַרף האָבן קומט אַריין!

מיר זענען צוגעוואוינט אַז מען קוקט דאָס אָן ווי 'סגולות'. מענטשן זאָגן: "בסדר, דאָס איז פיינע סגולות, אָבער למעשה דאַרף מען גיין אַרבעטן"... באמת איז דאָס פּונקט פאַרקערט! **דאָס איז נישט קיין "סגולות" - דאָס איז דער סדר פון דער וועלט**, אַז תורה און מצוות זענען ממשיך די גאַנצע שפע!

## 'הרי זה צדיק גמור' - ווייל ער גלייבט אַז צדקה איז זיין השתדלות!

ס'איז דאָ אַ מורא'דיגע וואָרט פון הרה"ק בעל **אהבת שלום פון קאָסוב** זי"ע, אויף דעם וואָס די **גמרא** זאָגט (פסחים ח ע"ב): **"האומר סלע זו לצדקה בשביל שיחיה בני הרי זה צדיק גמור"**. פרעגט דער אהבת שלום אַז ער האָט קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען די גמרא, ווייל עס קוקט אויס פון דעם לשון הגמרא אַז דאָס איז די שלימות'דיגע וועג פון געבן צדקה, ווען מען האָט אינזין אַז מ'זאָל האָבן דערפון עפּעס אַ טובה. עס איז משמע אַז אויב מען גיט צדקה כדי צו באַקומען דערפאַר שכר, איז דאָס גאָר די בעסטע דרך פון צדקה.

זאָגט דער אהבת שלום: "עד שבא מעשה לידי" - אַז ס'איז געווען אַ גביר אין דער שטאָט קאָסוב, וואָס האָט געטיילט זייער אַסאַך צדקה פאר אַלע אָרימעלייט. איין טאָג איז זיין קינד קראַנק געוואָרן ל"ע, איז ער געקומען צולויפן צו מיר אַז ער זאָל מתפלל זיין פאַר אים, און ער האָט נישט געגעבן קיין צדקה פאַר'ן זכות פון דאָס קינד.

האָב איך זיך געוואונדערט: פאַרוואָס קומט ער צו מיר? זאָל ער ענדערש טיילן נאָך צדקה אַז ס'זאָל זיין פאַר אַ רפואה? ביז איך האָב געכאַפּט אַז דער מענטש האָט אייביג געגעבן צדקה ווייל ער האָט אַ גוט און אַ ווייעך הארץ, אָבער **עס פעלט אים די אמונה אַז אויב מען גיט צדקה וועט דער אויבערשטער זיכער העלפן!** ער האָט נישט די קלאָרקייט אַז "צדקה ברענגט אַלע שפע אויף דער וועלט". עס פעלט אים דער יסוד האמונה אַז נישט די טעכנישע זאַכן העלפן, נאר די מצוות און מעשים טובים איז די ריכטיגע עצה פאר יעדע פּראָבלעם!

דעמאָלט - זאָגט דער אהבת שלום - האָב איך פאַרשטאַנען די גמרא, אַז ווען אַ איד גיט צדקה "על מנת שיחיו בני" צייגט ער דערמיט אַז די צדקה איז מחי' די בריאה! **ער גלייבט אַז נישט די 'עסקנות' און נישט די 'טעלעפאָן רופן' וועלן אים עפּעס ברענגען, נאר די מצוות פון השי"ת וועט ברענגען די ישועה!** אַזאַ איד וואָס האָט אמונה אַז די צדקה איז משפּיע שפע אויף דער וועלט, **ער איז טאַקע אַ צדיק גמור!**

### אותיות מחכימות

ספה"ק שפתי צדיק דינאוויץ

"האומר סלע זו לצדקה בשביל שיחיה בני הרי זה צדיק גמור". הרב הצדיק רבי מענדלי קאסיווער דקדק מה הלשון "הרי זה צדיק גמור", וקאמר ד"זה" מובחר.

וביאר הרב הנ"ל, זה לא הבנתי מימי, עד שבאת מעשה לידי, דהיה עשיר בעירי, אשר היה מנהגי תמיד לגבות ממנו צדקה, והיה פזרן גדול לכל הצדקות המצטרך, פעם לפדיון שבוים, פעמים לצורך עני להשיא בתו, ופעמים לצורך עני לכבוד שבת, ולא היה סרבן מעולם נגדי רק נתן בוותרנות.

פעם חלה בנו ובא אלי במרירות לב להתפלל על בנו, ולא נדר לצדקה אפילו פרוטה אחת, והייתי מתמה על זה, כי ידעתי נדבת לבו הכשירה ומדוע לא נתן לצדקה כעת.

אזי הבנתי את הגמרא הנ"ל, "הנותן סלע זו לצדקה בשביל שיחיה בני הרי זה צדיק גמור". כי יש שני בחינות בנתינת הצדקה.

בחינה א' מי שנותן מצד טבע הרחמנות, שיש לו בטבע לב רך ורחמן, הגם שאין לו כל כך אמונה שהצדקה יועיל לו להצילו ממיתה ולבטל ממנו כל גזירות הרעות ח"ו, אף על פי כן נותן הוא מצד טבעו, שיש לו לב רך ורחמן, ועכ"ז נקרא צדיק.

ויש מין ב' היותר מובחר, שנותן מחמת אמונה שמאמין כי הצדקה מועיל מאד, ותצילנו מכל רעתו ויועילנו להחיותו ולהחיות נפשות ביתו, והגם שיש לו בטבע לב אכזר, משבר הוא את טבעו וכובש את יצרו, ונותן צדקה בשביל האמונה. וזה יותר מובחר מן הראשון, מפני שזה נותן מצד בחירתו ואמונתו.

וזה שאמרו 'הנותן צדקה בשביל שיחיה בנו' - ומראה בזה שנתינתו היא מצד האמונה, הרי זה צדיק גמור. ודייק תיבת הרי "זה", כי הוא המובחר מזה הראשון. עכ"ל הקדוש.

## דאַרפסט עפּעס טון למעשה? טו אַ מצוה!

אַזוי זאָגן אונז **חז"ל** (גיטין ז, א): "**אם רואה אדם שמזונותיו מצומצמין יעשה מהן צדקה**" - ווען אַ איד זעט אַז ער האָט נישט קיין געלט, ער שפּירט אַז ער דאַרף עפּעס טון פאַר פּרנסה, איז דאָ אַן עצה: **גיב מער צדקה!**

די גמרא זאָגט אונז דאָ אז ווען אַ מענטש גייט אַריבער אַ שווערע מצב וואָס ער האָט די הרגשה אַז "איך דאַרף עפּעס טון למעשה", **זאָל ער טאַקע טון למעשה; ער זאָל זיך זעצן לערנען! ער זאָל דאַווענען ערליכער! ער זאָל האָבן מער בטחון!** דאָס איז זיין בעסטע פּעולה צו געהאָלפן ווערן בפשטות ממש.

אודאי דאַרף מען אויך טון השתדלות, פּונקט ווי מען האט געדאַרפט טון השתדלות, אויך איידער דעם קריזיס, ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער אויסגעשטעלט די בריאה, אָבער ווען מען באַקומט די הרגשה אַז "איך דאַרף עפּעס טון", דעמאָלט זאָל מען זאָגן אַ קאַפּיטל תהלים, אָדער געבן אַ פּרוטה לצדקה, **ווייל דאָס ברענגט באמת די שפע און די ישועה בפועל.**

ב

# וברך את לחמך ואת מימך; אונזער קלאָרע אמונה אַז אַלע השפּעות קומט דורך מקיים זיין תורה ומצוות

## די שפע ווערט נמשך דורך 'תפלה בציבור'

דער הייליגער **מאור ושמש** זאָגט אין פּרשת משפּטים אויפ'ן פּסוק "**ועבדתם את ה' אלוקיכם וברך את לחמך ואת מימך והסירותי מחלה מקרבך**", אַז לכאורה הייבט דער פּסוק אָן מיט אַ לשון רבים "ועבדתם" און עס ענדיגט זיך מיט אַ לשון יחיד "לחמך" און "מקרבך".

נאר דאָס קומט לערנען אַז ווען אַ איד איז נזהר צו דאַווענען בציבור איז ער 'מובטח' אַז ער וועט האָבן 'פּרנסה בכל יום בהרחבה' און אַלע שלעכטע גזירות וועלן אַראָפּגיין פון אים! מיט דעם טייטשט ער דעם פּסוק "ברוב עם הדרת מלך", דאָס וואָרט 'הדרת' איז די זעלבע לשון פון 'הדרי בי' - צוריקציען. ווען אידן דאַווענען בציבור, "ברוב עם", מאַכט דאָס כביכול אַז "הדרת מלך", דער רבוש"ע זאל זאָגן: "איך ציה צוריק פון אַלע שלעכטע גזירות וואָס איך האָב גוזר געווען!", און ער איז משפּיע אויף אידישע קינדער אַלע גוטע שפּע!

דערמיט טייטשט ער: "ועבדתם את ה' אלקיכם" - בלשון רבים; **אויב מען דאַוונט צוזאַמען מיט אַ רבים בציבור, דעמאָלט קומט אַראָפּ די השפּעה פּאר יעדן יחיד באַזונדער**, אַז ס'זאָל זיין: "וברך את לחמך ואת מימך והסירותי מחלה מקרבך".

## די ריכטיגע צוגאַנג ווען מען טרעפט זיך אין אַ פּראָבלעם

דער מאור ושמש לערנט אונז וויאַזוי אַ איד דארף אָנקוקן זיין מצב: **איך דאַרף עפּעס טון פאַר פּרנסה? אודאי, איך גיי דאווענען מיט מנין! איך דאַרף עפּעס טון פאַר געזונט? וועל איך זאָגן 'אשר יצר' מיט אַ ריכטיגע כוונה!** דאָס ברענגט פּרנסה און געזונט! איך גיי זיך נישט נאַריש מאַכן מיט טעלעפאָנען און איבערגעטריבענע השתדלות ווייל איך דערהער גוט אַז דער רבוש"ע איז דער וואָס איז מחי' די גאַנצע וועלט! ער טיילט פּרנסה און ער גיבט געזונט!

אויסערדעם דאַרף מען אויך זיך צושטעלן צום סדר הטבע, מ'דאַרף גיין צום דאָקטער, מ'דאַרף אַריינגיין אין ביזנעס און אַרבעטן ריכטיג, **אָבער דאָס אַלעס ברענגט נישט די שפע!** דאָס טוט מען בלויז ווייל מ'דאַרף עס טון אַלס דעם חיוב פון 'השתדלות'. די אמת'ע שפע באַקומען מיר פון גאָר אַן אַנדערע פּלאַץ!

## יעדע תפלה ווערט זיכער געענטפערט

אַלע ווייסן וואָס עס שטייט אין די **ספרים הק'** אַז אַ מענטש דארף אַלעמאָל זיין בטוח אַז זיין דאַווענען וועט אים זיכער העלפן. אָבער אַמאָל איז אַביסל שווער פאר מענטשן צו אָננעמען אַזאַ זאַך, ווייל וויאַזוי קען מען זאָגן מיט אַ זיכערקייט אַז תפלה העלפט אַלעמאָל?! איז דען נישט דאָ קיינמאָל קיין מעגליכקייט אַז דער רבוש"ע ענטפערט "ניין"?! די געוועגליכע תירוץ דערויף איז אַז אפילו אויב די תפלה העלפט נישט יעצט, **ווערט דאָס אַוועקגעלייגט און עס העלפט דעם מענטש אין אַנדערע מצבים.**

אָבער באמת ליגט דאָ נאָך אַ דערהער: פּונקט ווי ווען אַ מענטש נעמט זיין הענט און הייבט דערמיט אויף אַ ספר, גלייבט ער אַז דער ספר גייט זיך אויפהייבן, ווייל ער ווייסט אַז נאָרמאַלערהייט וועט דאָס געשען. חוץ אויב ס'גייט געשען עפּעס גאָר אויסערגעוויינטליך און השי"ת וועט אים חלילה אַוועקנעמען די כח פון דער האַנט, אָבער אין געוועגליכע אומשטענדן איז ער רואיג אַז זיין האַנט גייט קענען אויפהייבן דעם ספר.

די זעלבע זאַך דאַרף זיין אונזער בליק אויף תפלה: **געוועגליך קען מען זיין רואיג און זיכער אַז יעדע זאַך וואָס חז"ל זאָגן אַז דאָס העלפט און ברענגט אַ שפע פאַר'ן מענטש, וועט דאָס טאַקע אַרבעטן און ס'וועט ברענגען די שפע!** אַמאָל מאַכט זיך טאַקע אַז דער רבוש"ע האָט אַ חשבון פאַרוואָס ס'זאָל נישט געשען, אָבער **די נאָרמאַלע מציאות איז אַז תפלה העלפט אַלעמאָל, בטחון העלפט אַלעמאָל** - נישט אַלס אַן ענין פון אַ 'סגולה', נאר פּשוט עס ברענגט אַראָפּ די שפע בדרך הטבע!

## די אידישע הסתכלות קעגן די גוי'אישע הסתכלות

ווען מען לערנט דעם ענין דאַרף מען צוענדיגן מיט אַ וויכטיגע יסוד, וואָס די **גמרא** זאָגט אין מסכת **ראש השנה** (ד, א) אַז די מצוות פון אַ גוי איז נישט חשוב, ווייל "חסד לאומים חטאת", ווען ער גיט צדקה האָט ער אינזין זיין אייגענע טובה. פרעגט די גמרא: און אויב מען האָט זיך אליינס אינזין איז דאָס נישט גוט? מיר האָבן דאך געלערנט אַז "האומר סלע זו לצדקה בשביל שיחיו בני הרי זה צדיק גמור"?! ענטפערט די גמרא: "כאן בישראל, כאן בנכרים".

רש"י אויפ'ן פּלאַץ איז מסביר דער חילוק אַז ביי אַ איד, אפילו אויב ער האָט געגעבן צדקה

## אותיות מחכימות

ספה"ק מאור ושמש, פּרשת משפּטים, ד"ה ועבדתם

צריך כל אדם ליזהר מאוד מאוד להתפלל עם הציבור יחד, ואם מתפלל עם הציבור יהיה מובטח שפרנסתו תהיה מזומנת לו בכל יום ברווחה, וברכה תהיה מצויה במעשי ידיו. ועל ידי תפילת ציבור יכולים לבטל כל הגזירות קשות ורעות רחמנא ליצלן.

וכבר אמרנו זאת "ברב עם הדרת מלך" (משלי יד, כח) פירוש, כשנאספין הציבור יחד להתפלל, אזי הם מבטלים כל הגזירות קשות ומביאים את המלך, מלכו של עולם, לידי 'החזרה', שחוזר ממה שגזר על בני ישראל ח"ו איזה גזירה קשה, ואומר 'הדרי בי ממה שגזרתי עליהם'. וזהו ברוב עם הדרת מלך, פירוש, אם נאספים רוב עם יחד בתפלה, אזי הדרת מלך, הקדוש ברוך הוא אומר הדרי בי ממה שגזרתי עליהם וממשיכין על כנסת ישראל על ידי תפלתם השפעות טובות.

וזהו פירוש הפסוק 'ועבדתם' את ה' אלוקיכם, פירוש לשון רבים, ואיזוהי עבודה שהיא בלב? הוי אומר זו תפלה (תענית ב, א). ואמר הכתוב אם תעבדו ביחד את ה' אלוקיכם, דהיינו שתתפללו יחד עם הציבור, וברך את 'לחמך' ואת 'מימיך', פירוש שיברך את פרנסתך, שתהיה לך פרנסה טובה ורחבה.

און ס'האָט נישט געהאָלפן, **האָט ער נישט קיין חרטה**, נאָר ער איז דאָס תולה אין זיינע עבירות, אָבער דער גוי, אויב וועט ער נישט באַקומען זיין ישועה, **האָט ער טענות** און ער איז אַ 'תוהה על הראשונות'.

### די סיבה פון אונזער קיום התורה והמצוות איז צו באַקומען קרבת אלקים

אָט די גמרא איז אונז משלים באופן נפלא וויאַזוי מיר זאָלן צוגיין צו דעם גאַנצן ענין: ווען אַ איד גיט צדקה, אָדער ער לערנט תורה, אָדער ער דאַווענט ערליך, ווייל ער געפינט זיך אין אַ צרה און ער דאַרף האָבן אַ ישועה, **טוט ער דאָס נישט ווי אַ 'געשעפט' אַז איך געב דאָס און איך פאַרלאַנג צוריקצובאַקומען עפּעס אַנדערש...** נאר די תורה, די בטחון און די צדקה ברענגט אים נענטער צום אויבערשטן, עס מאַכט אים אַ 'מרכבה לשכינה' און דאָס ברענגט אים טאַקע די ישועה.

אַ איד גלייבט אַז דער רצון ה' איז יעצט אַז ער זאָל ווערן נענטער צום רבוש"ע און נישט טון קיין איבריגע השתדלות, ער ווייסט אַז דאָס וועט אים ממשיך זיין די ישועה, נישט ווייל די

> בטחון העלפט אַלעמאָל - נישט אַלס אַן ענין פון אַ 'סגולה', נאר פשוט עס ברענגט אַראָפּ די שפע בדרך הטבע!

תורה ומצוות זענען אַ 'סגולה', נאר **ווייל דאָס איז דער רצון ה', און ווען מען איז מקיים דעם רצון ה' ווערט מען נתקרב צום אויבערשטן און דעמאָלט ווערט נמשך אַלע רפואות און ישועות.**

פאר די זעלבע סיבה, אויב מאַכט זיך חלילה אַז די ישועה איז נישט אָנגעקומען, **איז דער איד ווייטער בטל פאַר'ן רצון ה'.** ער שפּירט אַז אויב דער רבוש"ע וויל אַנדערש דעמאָלט בין איך זיך מבטל פאר זיין רצון, ער האָט נישט חלילה קיין תרעומות.

ווידעראום דער גוי, אויב מען וועט אים זאָגן אַזאַ סאָרט שיעור, אַז תורה ומצוות זענען די איינציגע וועג צו קענען ממשיך זיין פּרנסה און ישועות, וועט דער גוי זאָגן "אשר יצר" נישט ריכטיג, ער וועט דאַווענען בציבור נישט ריכטיג, און ער וועט געבן צדקה נישט ריכטיג... **ווייל עס פעלט אים די נקודה פון ביטול פאַר'ן רצון ה'!** אַזאַ גוי וועט זאָגן: "אָה, די טבע'דיגע השתדלות העלפט נישט, בלויז די רוחניות'דיגע השתדלות? בסדר, איך וועל אַלעס טון וואָס מ'דאַרף", אָבער **ער וועט דאָס טון אויף אַ גוי'אישן אופן...** ער וועט טאַקע טון די אַלע זאַכן אָבער "אָן דעם אויבערשטן", דעריבער אויב עס וועט נישט קומען די שפע וועט ער האָבן טענות!

וויפיל מער מיר וועלן אַרבעטן צו אַריינבאַקן אין האַרץ אַז בלויז דער רבוש"ע איז דער "זן ומפרנס" און אַז בלויז דורך צדקה, תפלה, בטחון און תורה באַקומט מען אַלע השפעות, ווייל דאָס ברענגט אונז נאָענטער צום אויבערשטן, **אַזויפיל מער וועלן מיר טאַקע זען בפועל אַ שפע פון ברכה והצלחה** און מיר וועלן נכלל ווערן אין דער הבטחה פון: "ברוך הגבר אשר יבטח בה' והיה ה' מבטחו".

# שנים מקרא ואחד תרגום

## למען תלמד ליראה;

לערנען חומש רש"י יעדע וואָך איז די בעסטע וועג צו קרבת אלקים און תשובה

יום ה' פרשת נח, ב' ר"ח חשון תשפ"ב לפ"ק

א

## כי הוא חייך; וויאַזוי צו באַקומען חיות דורך לערנען חומש רש"י

### צוויי סאָרט לומדים, טייל שפּירן אַ געשמאַק, אַנדערע נישט

אין דעם פאָריגן שיעור האָט מען עוסק געווען אין דעם חיוב פון מעביר סדרה זיין, ווי עס שטייט אין **ספר החינוך** און אין **של"ה הק'**, איבער דאָס גרויסקייט פון גוט לערנען די פּרשה, **כדי אַרויסצונעמען פון די פּסוקים וואָס אַ איד דאַרף אַרויסנעמען פון דער הייליגער תורה.** דערפאַר איז נישט גענוג בלויז צו הערן דאָס ליינען בציבור, ווייל ווען דער בעל קורא ליינט קען מען אים נישט אָפּשטעלן אינמיטן זיך צו מתבונן זיין אין די פּסוקים, **דעריבער דאַרף מען דאָס אליינס משלים זיין**, 'לעולם **ישלים** אדם פרשיותיו עם הציבור', דורך גוט אָפּלערנען די פּרשה אויף למעשה.

למעשה האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַן אינטערעסאַנטע זאַך נאָך דעם שיעור, אַז ס'איז געווען אינגעלייט וואָס האָבן אָנגעמערקט אַז **ס'איז זיי גאָר שווער צו שפּירן אַ 'חיות' פון דעם לימוד חומש רש"י.** זיי טענה'ן אַז זיי האָבן אַ געשמאַק ביים לערנען 'קצות' אָדער אַנדערע שטאַרקע לימודים, אָבער ווען עס קומט צום לערנען חומש רש"י? נו, אַז מען דאַרף דאָס טון, וועט ער דאָס טון, כדי צו זיין אַן ערליכער איד און באַקומען יראת שמים! אָבער מ'קען נישט זאָגן אַז ער האָט ממש אַ 'חיות' און ער דערהייבט זיך דערפון. באמת איז ער זיך נישט מתחבר אַזוי שטאַרק צו דעם לימוד פון די פּרשת השבוע.

די אינגעלייט לייגן נאָך צו: אודאי איז דאָ פּרשיות וואו ס'איז דאָ וואַרימע שטיקלעך, אַ שטייגער ווי די פּרשה פון 'בחודש השלישי' אין פּרשת יתרו וכדו', אָבער ווען עס קומט צו אַנדערע פּרשיות, אָדער חלקים פון פּרשיות, טרעפן זיי נישט אַלעמאָל דאָרט קיין געשמאַק. צום ביישפּיל די פּסוקים פון סוף פּרשת בראשית און סוף פּרשת נח, וואו עס ווערט אויסגערעכנט אַלע פּסוקים וויפיל יאָר די מענטשן האָבן געלעבט וכו'. ס'איז אפילו שווער צו געדענקן בלויז די אַלע נעמען... נו, אַז מ'דאַרף עס זאָגן זאָגט מען עס 'כשור לעול וכחמור למשא', אָבער זיי האָבן נישט קיין חיות דערינען. אַמאָל מאַכט זיך טאַקע אַ געשמאַקע רש"י, אָבער רוב מאָל ווען זיי לערנען חומש רש"י, זוכן זיי שוין צוריקצוגיין צו די געווענליכע סדרי הלימוד.

פון דער אַנדערער זייט זענען געווען אידן וואָס לערנען חומש רש"י יעדע וואָך, וואָס זיי האָבן גערעדט פון דעם לימוד **מיט אַזאַ געוואַלדיגע התפּעלות און התרגשות!** די אידן האָבן פאַרציילט מיט אויסערגעוועגליכע התרגשות אַז **יעדעס מאָל וואָס זיי לערנען חומש רש"י, טרעפן זיי נייע זאַכן אין די הייליגע ווערטער פון רש"י.** דער לימוד גיט זיי אַזויפיל וואַרימקייט, חיות און געשמאַק אויף אַ מורא'דיגן פאַרנעם!

### איז דאָ שייך דער כלל פון 'ותן חלקינו בתורתך'?

סתם אַזוי וואָלט מען געקענט טראַכטן אַז אַלעמאָל איז דאָך פאַרהאַן אַזאַ באַגריף ביי אַלע חלקי התורה, **ס'איז דאָ מענטשן וואָס זענען זיך מער מחבר צו איין חלק פון דער תורה און אַנדערע מענטשן זענען זיך נישט אַזוי מחבר דערצו.** יעדער איד האָט זיך זיין חלק מיוחד אין דער תורה, ותן 'חלקינו' בתורתך, ווי חז"ל זאָגן שוין: "אין אדם לומד אלא מה שלבו חפץ"; איינער האָט אַ געשמאַק אין לערנען הלכה און דער צווייטער אין לערנען גמרא, איינער האָט ליב צו לערנען שנעלער און דער

אַנדערער לערנט מער פֿאַמעליך מיט די ראשונים ואחרונים.

דאָס זעלבע - וואָלט מען געקענט זאָגן - איז דאָ מענטשן וואָס ווערן נתלהב פון לערנען חומש רש"י און דערנאָך איז דאָ מענטשן וואָס טרעפן נישט דאָרט זייער חיות, זיי ווילן שוין צוריקגיין צו זייער געוועגליכער סדר פון לערנען בלעטער גמרא אָדער סימנים אין שו"ע. אויב מען זאָגט אים אַז מען איז מחיוב צו לערנען חומש מיט רש"י וועט ער עס טון, אָבער דער חומש ליגט אים אויף די אָפּענע גמרא... ער וויל עס שנעל דורכגיין ווייל ער וויל שוין צוריקגיין צו דער גמרא... מ'וואָלט געקענט זאָגן אַז דאָס האָט פּשוט מיט דעם כלל, אַז יעדער האָט אַן אַנדערער חלק אין דער תורה, וואָס איז מיוחד פאר זיין שורש נשמה.

### לימוד חומש רש"י באַלאַנגט פאר די נשמה פון יעדן איד אָן קיין אויסנאַם

אָבער למעשה, וואָס קען מען טון, אַז פּונקט **ביי חומש רש"י שטומט נישט דער הסבר!** ווייל חומש רש"י איז די איינציגסטע לימוד וואָס "יעדער איד" איז מחיוב דאָס צו לערנען!

ביי אַלע אַנדערע חלקי התורה איז כמעט נישטאָ אַזאַ זאַך. מ'איז טאַקע מחיוב צו לערנען הלכה למעשה, כדי צו האָבן די 'ידיעה' פון הלכות, אָבער מצד די 'מצוה' פון 'לימוד התורה' איז נישטאָ קיין שום חיוב אַז דער מענטש זאל לערנען דוקא אַ געוויסער לימוד; יעדער קען זיך אויסקלייבן וואס זיי הארץ ציעט אים. ס'איז דאָ כוללים וואָס לערנען משניות פון מסכת חלה, ווייל זיי האָבן אַ געפיל אין לערנען 'סדר זרעים' מיט דעם פּירוש ר"ש און די אַנדערע ראשונים, ווידער איז דאָ אַנדערע כוללים וואָס זענען עוסק אין "ירושלמי". יעדע נשמה האָט זיך זיין חלק התורה, און מ'קען נישט אָנצייגן אַז מ'דאַרף לערנען אַ געוויסע לימוד.

אָבער ווען ס'קומט צו 'חומש רש"י' איז דאָ אַ 'הלכה פסוקה' אין 'שלחן ערוך' אַז יעדער איד דארף דאָס לערנען! די תורה זאָגט: "**כ'האָב דיך נישט געפרעגט וואָס דו האסט ליב, דו ביזט מחיוב צו לערנען חומש רש"י**".

### חומש רש"י איז בהכרח דיין חלק בתורה

דאָ ליגט אַ מורא'דיגע זאַך! מען זאָגט פאר'ן מענטש: האסט געמיינט אַז דו נעמסט נישט קיין חיות פון דעם לימוד, וויבאַלד ס'איז נישט קיין חלק בתורה? טעות גדולה היא בידך! האסט אַ גרויסן טעות! **דאָס קענסטו אפשר זאָגן אויף אַנדערע חלקי התורה.** מען קען אפשר דן זיין אַז אויב דיין נשמה האָט מער חיות אין הלכות שבת, מיינט דאָס אַז ס'איז דאָ חלקים אין חושן משפט אָדער אבן העזר וואָס איז נישט אַזוי ווייט דיין חלק בתורה, אָבער **ביי חומש רש"י קענסטו דאָס נישט זאָגן!**

ווען ס'קומט צום לערנען און פאַרשטיין די פּרשיות השבוע, איז דאָס אַ חיוב אויף יעדן איד - אָנגעהויבן פון דער 'תקנת עזרא', אַז מ'דאַרף ליינען יעדע וואָך די פּרשת השבוע, ביז די הלכה פסוקה אין שלחן ערוך. **עס איז מוכרח אַז חומש רש"י איז דיין חלק התורה**, והא ראי' אַז ווען נישט וואָלט דאָס נישט געווען קיין חיוב אויף יעדן יחיד! אויב די הלכה זאָגט אַז יעדער איד דארף דאָס לערנען, איז פּשט דערפון אַז דיין נשמה דאַרף עס זייער וויכטיג האָבן!

### איז טאַקע דאָ יעדע וואָך אַזעלכע יסודות'דיגע רש"י'ס?

כדי צו אָפּלערנען די זאַך ריכטיג, לאָמיר זען וויאַזוי אונזערע צדיקים זענען צוגעגאַנגען צו דעם לימוד פון חומש רש"י, וואָס דורכדעם וועט דאָס אויך ליכטיג מאַכן פאַר אונז, אַז מיר זאָלן קענען באַקומען אַ חיבור דערצו.

בנוסף לזה, איז אינטערעסאַנט צו אָנמערקן, אַז אין דעם פאַרגאַנגענעם שיעור האָט מען דערמאַנט אַז מ'קען טרעפן יעדע וואָך אין רש"י **געוואַלדיגע יסודות נפלאים וואָס העלפט צו קענען זיין אַן ערליכער איד.** מען האָט דערמאַנט צום ביישפיל די רש"י פון גלייך אָנהויב פּרשת בראשית, אויפ'ן פּסוק "ואדם אין לעבוד את האדמה", וואו רש"י לערנט אונז וויאַזוי די וועלט אַרבעט, אַז **יעדע חסרון איז בלויז געמאַכט אַז דער מענטש זאל מכיר זיין אַז ער דאַרף עס האָבן**, כדי אַז דער מענטש זאל מתפלל זיין, און דעמאָלט וועט ער זען אַז ס'איז שוין בעצם געווען גרייט פאַר אים, נאר **ס'האָט געוואַרט אויף די תפלה פון דעם מענטש** וואָס זאָל מכיר זיין בטובה פאר השי"ת.

איז אַ איד צוגעקומען נאָכ'ן שיעור זאָגנדיג: "בסדר, האסט געטראָפן אַ געשמאַקע רש"י דאָ דאָרט, אָבער וויפיל אַזעלכע רש"י'ס זענען דאָ? ווען מען לערנט יעדע וואָך די פּרשה טרעפט מען נישט אַלעמאָל אַזעלכע רש"י'ס!"

פון דער אַנדערער זייט איז געווען אידן וואָס לערנען אַ לאַנגע צייט חומש רש"י (אַ לאַנגע צייט באַדייט מער פון איין יאָר, זיי זענען שוין עוסק דערינען אַסאַך יאָרן), און זיי **האָבן אַלע געזאָגט פה אחד אַז יעדעס יאָר טרעפן זיי נייע הפלא'דיגע זאַכן אין רש"י, וואָס זיי לערנען זיך דערפון אַזויפיל!**

ס'איז געווען אינטערעסאַנט אַז די אַלע אידן האָבן זיך נישט אָפּגעשמועסט און קיינער האָט זיי נישט געהייסן דאָס זאָגן, נאר זיי זענען אליינס געקומען און גערעדט מיט אַזאַ התרגשות, נישט בלויז פון די געשמאַק און חיות וואָס זיי באַקומען פון דעם לימוד, נאר **וויפיל נייע זאַכן און לימודים זיי באַקומען יעדעס מאָל** וואָס זיי לערנען די פּרשה!

וואָס איז אַלזאָ די סוד דאָ?

ב

# הזמן גרמא; אין דער פּרשת השבוע ליגט באַהאַלטן אַלע השפּעות פון דער צייט אין יאָר

### תורה שבכתב באַלאַנגט פאַר'ן זמן

דאָס צו פאַרשטיין דאַרף מען נאָכאַמאָל זען וואָס דער '**ספר החינוך**' זאָגט אַז די חיוב פון מעביר סדרא זיין קומט פון די תקנה וואָס עזרא הסופר האָט מתקן געווען און אויסגעשטעלט אַלס אַ סדר פאר גאַנץ כלל ישראל, אַז מען זאָל לערנען יעדע וואָך די פּרשה.

### דאָס הייסט אַז 'תורה שבכתב' אַרבעט אַנדערש ווי 'תורה שבעל פה'!

מיר ווייסן אַז די גאַנצע תורה איז געגעבן געוואָרן מסיני, "אפילו מה שתלמוד ותיק עתיד לחדש ניתנה למשה מסיני", אָבער פאָרט איז דאָ אַנדערע כללים ביי 'תורה שבכתב' ווי ביי 'תורה שבעל פה', צ.ב.ש. אַז 'על פי סוד' לערנט מען נישט ביינאַכט קיין 'תורה שבכתב' ווייל דעמאָלט איז די צייט בלויז פאר 'תורה שבעל פה'.

איינס פון די חילוקים איז אַז **ביי 'תורה שבכתב' האָט יעדע איינציגע נשמה אַ שייכות אין יעדע חלק דערפון!** יעדער איד דארף דאָס לערנען ווען עס גייט די פּרשה, ווייל די וואך דארף דיין נשמה האָבן זייער וויכטיג די פּרשה!

אָט דאָס איז די ערשטע שטאַפּל וואָס גיט אונז צו פאַרשטיין די סוגיא; פאַרוואָס **'יעדער' איד קען באַקומען חיות פון לערנען חומש רש"י** און פאַרוואָס ביי דעם לימוד איז נישט געזאָגט געוואָרן דער כלל פון 'אין אדם לומד אלא מה שלבו חפץ', **ווייל ס'איז אַנדערש ווי אַלע אַנדערע חלקים פון דער תורה!**

### אַראָפּגעברענגט דעם ווינטער וועטער אינמיטן זומער...

דער **בעלזער רב,** הרה"ק **מהר"א** זי"ע, איז אַמאָל דורכגעפאָרן אַ שטעטל אין די זומער חדשים. זענען די אָרטיגע איינוואוינער געקומען זיך מזכיר זיין מיט בכיות אַז ס'האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דאָרט געפערליכע שווערע רעגנס, וואָס ברענגט זיי גרויסע שאָדנס, זייענדיג אינמיטן זומער, ווען ס'איז געוועגליך נישט דער סדר פאר אַזעלכע שטורמישע וועטערס.

האָט זיי דער בעלזער רב געפרעגט צי ס'איז דאָ אַ תלמוד תורה אין דער שטעטל. ווען זיי האָבן געענטפערט אַז יאָ, האָט ער געזאָגט אַז מ'זאָל אים ברענגען אַ קינד פון דער ת"ת. ווען דאָס קינד איז אָנגעקומען האָט אים דער בעלזער רב געפרעגט וואָס ער לערנט יעצט אין חדר, האָט דאָס קינד געזאָגט אַז ער לערנט 'פּרשת ויגש'...

ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז מ'האָט דאָרט אין דער ת"ת איינגעשטעלט אַ סדר אַז אַנשטאָט לערנען יעדע וואָך די פּרשת השבוע, האָט מען געלערנט מיט די קינדער פּסוק ביי פּסוק, פון אָנהויב תורה. אַזוי איז אויסגעקומען אַז יעצט האָט מען דאָרט געהאַלטן ביי פּרשת ויגש.

האָט דער בעלזער רב געזאָגט אַז דאָס איז די סיבה פאַרוואָס די רעגן איז געקומען מיט אַזאַ שטאַרקייט. ווייל יעדע פּרשה האָט אַן השפּעה אויף

די צייט פון דאָס יאָר ווען מען לערנט דאָס.

צום ביישפּיל, באַלד ווען ס'קומט אָן 'חודש אלול' לערנט מען 'פרשת תצא', יעדע חסידי'שע ספר וואָס מען עפנט מען נאר, וועט מען זען אַז דער פסוק 'כי תצא למלחמה' גייט אַרויף אויף דער 'מלחמת היצר'. אַנדערע ספרים טייטשן דעם פסוק פון 'שום תשים עליך מלך' אַז דאָס איז מרמז אויף די מלכיות פון ראש השנה. דאָס האָט נישט פּאַסירט 'צופעליג', אַז וויבאַלד צדיקים האָבן געזאָגט תורה אויף די ענינים פון חודש אלול האָבן זיי דאָס מקשר געווען צו די פרשת השבוע. **צדיקים האָבן געזאָגט די תורה אויף די פסוקים ווייל די פרשה האָט באמת אַ שייכות מיט דעם זמן!**

דעריבער - האָט דער בעלזער רב זי״ע געזאָגט - וויבאַלד ביי אייך האָט מען געלערנט אַ ווינטערדיגע פרשה, **איז נמשך געוואָרן דער וועטער פון ווינטער און ס'איז געקומען אַזעלכע רעגנס!**

## אַז מען לערנט נישט די פרשה איז מען מהפך די 'יוצרות'

ווען די שטאָטלייט זענען אַרויס האָט דער בעלזער רב זי״ע געזאָגט: די 'תורה שבכתב' האָט מען מסדר געווען מיט אַ צמצום, עס באַלאַנגט פאַר דעם באַשטימטן זמן ווען מען לערנט דאָס, דעמאָלט דאַרף מען דאָס לערנען! ווידער 'תורה שבעל פה' האָט נישט קיין צמצום; **אַ איד קען לערנען מסכת סוכה אַלעמאָל און באַקומען די גאַנצע ליכטיגקייט און שמירה פון דער מסכת**, ווייל די 'תורה שבעל פה' איז נישט מיט קיין צמצום, עס ברייטערט זיך אויס.

האָט דער בעלזער רב זיך מתמרמר געווען זאָגנדיג פאַר זיינע אַרומיגע: מען וויל איבערקערן דעם סדר, מען איז מבטל די צמצום פון 'תורה שבכתב' אַז מען זאָל דאָס לערנען נישט אויפ'ן סדר, און פאַרקערט, מאַכט מען אַ צמצום פאַר די 'תורה שבעל פה' אַז מען לערנט בלויז איין דף אַ טאָג פון אַ באַשטימטע מסכת...

## יעדע פרשה האָט אַ ספּעציעלע שייכות מיט דעם זמן

דאָס איז אַ מורא'דיגע וואָרט פון אַ צדיק, וואָס גיט אונז דעם בליק וויאַזוי עס דאַרף זיין אונזער צוגאַנג צו 'תורה שבכתב' - אַז דאָס האָט אַ טיפע שייכות מיט די זמן וואָס מען לערנט דאָס! צדיקים האָבן דאָס געזען בחוש, ווי מען טרעפט טאַקע אין די חסידי'שע ספרים אַז יעדע זמן איז פאַרבינדן מיט די פרשת השבוע; אין 'פרשת וישב' זענען דאָ אַלע תורות אויף חנוכה, און 'פרשת נצבים וילך' איז דאָ די תורות אויף עניני תשובה, וכדומה, ווייל תורה שבכתב אַרבעט אויף אַזאַ אופן.

אַזוי האָט טאַקע עזרא מתקן געווען פון אָנהויב, און דעריבער, **ווען אַ איד לערנט די פרשה אין דעם זמן המיוחד, באַקומט ער די ספּעציעלע אור וואָס ליגט אין די פרשה**, ווייל דאָס דאַרפסטו יעצט טון! פונקט ווי ראש השנה דאַרף מען בלאָזן שופר, און סוכות דאַרף מען שאָקלן לולב, דאַרף יעצט דיין נשמה באַקומען דעם אור פון דער פרשת השבוע!

## די 'חיות' וואָס מען באַקומט דוקא פון דער יעצטיגער צייט

עס איז דאָ אַ הייליג וואָרט אין ספה״ק **בית אהרן** (פרשת שלח) אויפ'ן פסוק אין שיר השירים "נאוו לחייך בתורים", אַז דער מענטש באַקומט אַ לעכטיגע חיות ווען ער לערנט תורה אין די ריכטיגע זמן. 'תור' איז טייטש צייט; אויב מען לערנט די פרשה פון דעם יעצטיגן זמן, איז מען זוכה צו אַ געוואַלדיגע ספּעציעלע חיות דקדושה!

אפילו פּראַקטיש אַרבעט עס אַזוי, ווען אַ מענטש לערנט מסכת פסחים אום פסח שפּירט ער אַ געוואַלדיגע חיות דערינען, אָבער דאָס איז נישט בלויז באופן 'חיצוני', נאר ס'איז באמת גוט פאַר דער נשמה 'בפנימיות'.

דעריבער דאַרף מען זיך קובע זיין יעדע וואָך צו לערנען די פרשת השבוע - פונקט ווי מען האָט אַנדערע שיעורים פון הלכה למעשה, פונקט ווי מען לערנט הלכות שבת מיט בשר בחלב, כדי צו וויסן וויאַזוי זיך צו פירן ווי אַ איד, די זעלבע זאַך דאַרף מען לערנען די פרשה וואָס געהערט צו דעם יעצטיגן זמן, **ווייל דאָס איז נוגע אויף למעשה, ער זאָל וויסן וויאַזוי צו זיין אַ איד!** איין וואָך דאַרף מען לערנען פרשת נח, די קומענדיגע וואָך פרשת לך, ווייל דאָס איז ספּעציעל געגעבן געוואָרן לויט דעם זמן פון דאָס גאַנצע יאָר!

## ס'איז זיכער דאָ אַ מהלך וויאַזוי צו באַקומען אַ געפיל אין חומש רש״י

למעשה, וואָס זאָל אָבער טון אַ איד וואָס האָט נישט קיין געשמאַק אין דעם לימוד פון חומש רש״י? דער איד זאָגט: "איך בין מסכים מיט דיין לומדות אַז מ'דאַרף האָבן אַ געשמאַק דערינען, דער חשבון שטימט טאַקע אָבער למעשה קען מען דאָך נישט צווינגען אַ מענטש צו האָבן דעם געפיל אין דעם לימוד!? יעדער מענטש האָט דאָך אַן אַנדערע סאָרט קאָפּ און אַן אַנדערע צוגאַנג צו זאַכן?!".

דער אמת איז אָבער אַז אויב דער רבוש״ע האָט אונז געזאָגט אַז מיר דאַרפן האָבן חיות פון לערנען חומש רש״י יעדע וואָך, **מיינט דאָס אַז ערגעץ וואו האָבן מיר עפּעס אַ טעות**, און מיר דאַרפן געפינען דעם טעות.

## די געוואַלדיגע הנאה פון טרעפן אַן ענין וואָס איז נוגע

אַלס הקדמה - צו בעסער פאַרשטיין אַ לעזונג פאַר דעם פּראָבלעם פון נישט האָבן קיין חיות אין חומש רש״י - לאָמיר מקדים זיין אַ מציאות, אַז יעדער מענטש האָט אַ מורא'דיגע געשמאַק ווען זיין מח איז פאַרנומען מיט עפּעס אַ זאַך, און דערנאָך טרעפט ער אַ ידיעה וואָס האָט אַ שייכות און קשר צו דער סוגיא אין וואָס ער איז יעצט עוסק. דאָס גיט פאַר'ן מענטש אַ געוואַלדיגע הנאה.

למשל, אַ אינגערמאַן וואָס לערנט הלכות שבת אין כולל, ער קאָכט זיך אין די סוגיות און ער איז עוסק אין די אַלע שאלות וואָס מאַכט זיך אין הלכות שבת, דאָס איז זיין הויפּט לימוד אַצינד. אויב וועט פּאַסירן אַז ביינאַכט, ווען ער לערנט אַ סדר פון גמרא, וועט ער פונקט טרעפן דאָרט אַ תוספות וואָס רעדט וועגן די הלכות שבת, וועט ער אויפטאַנצן! זיין אויגן און זיין שמייכל וועט זיין אַנדערש, ווייל דאָס איז דאָך זיין 'חיות'! זיין קאָפּ טראַכט דאָך יעצט פון די ענינים אַגאַנצן צייט, דעריבער ווען ער טרעפט עפּעס וואָס האָט שייכות דערצו, שפּירט ער זיך גלייך 'היימיש'. דאָס איז זיין פלאַץ...

ווער רעדט נאָך אין אַ פאַל וואָס ער איז נישט בלויז עוסק אין הלכות שבת בכלליות, נאָר ער לערנט יעצט איין ספּעציפישע סוגיא פון הלכות שבת, צום ביישפּיל: ער איז מברר אַלע סאָרט טעכנאָלאָגיע שאלות וואָס איז נוגע ביי הלכות שבת; עפּענען אַ פרידזשעדער א.ד.ג. ער האָט אַ חוש אין די זאַכן, און ער איז שטאַרק פאַרנומען דערמיט; ער גייט נאָכקוקן וויאַזוי די זאַכן אַרבעטן היינט צוטאָגס אויפ'ן טעכנישן אופן; ער איז מחדש חידושים אין דער סוגיא; ער שרייבט בריוו פאַר היינטיגע פוסקים דערוועגן; ער ליגט ראשו ורובו אין דער נושא. אַצינד אויב וועט ער אָנטרעפן אַ פּרט ערגעץ וואָס איז נוגע די סוגיא, וועט ער ממש שפּרינגען... ער וואָלט אפילו געווען גרייט צו צאָלן געלט אַז איינער זאָל אים ברענגען נאָך אַ ידיעה איבער די נושא, וואָס ער האָט נישט געוואוסט בעפאָר.

די סיבה פאַרוואָס די שמחה איז אַזוי גרויס ווען מען טרעפט אַ שטיקל ידיעה אינמיטן לערנען אַן אַנדערע זאַך, איז וויבאַלד דער מענטש האָט זיך בכלל נישט פאַרגעשטעלט אַז ער גייט זען דאָ עפּעס. פונקט ווי איינער וואָס געפינט זיך ערגעץ ווייט פון זיין שטאָט, און פלוצים טרעפט ער דאָרט זיין גאָר נאָענטער חבר, איז די שמחה זייער גרויס, אַסאַך מער ווי ווען ער טרעפט אים סתם אין דעם לאָקאַלן בית המדרש. פאַרוואָס טאַקע?! ווייל ער האָט יעצט באַקומען חיות אָן דעם וואָס ער האָט זיך בכלל פאַרגעשטעלט אַז ער גייט באַקומען חיות. דאָס מאַכט אַ ספּעציעלע שמחה. ווען אַ מענטש לערנט אַנדערע זאַכן און פלוצים טרעפט ער אַן ענין וואָס איז אים נוגע גיט דאָס אים אַ געוואַלדיגע חיות.

ג

# וידעת היום והשבת אל לבבך; די תכלית פון לערנען איז צו תשובה טון דורך די תורה

## די תורה גיט אונז אַ מהלך אויפ'ן גאַנצן לעבן

דאָס ברענגט אונז צו דעם קומענדיגן שטאַפּל; וואָס דאָס איז דער גאַנצער יסוד וואָס דער רבוש״ע וויל פון אונז מיט זיין הייליגע תורה.

די תורה איז געגעבן געוואָרן כדי דער מענטש זאָל דאָרט טרעפן די תשובות פאַר זיין אייגענע לעבן, ער זאָל דאָרט געפינען די מהלך וויאַזוי ער דאַרף לעבן ריכטיג על פי תורה!

**דאָס ליגט למעשה באַהאַלטן אין דער גאַנצער תורה.** אין יעדע איינציגע פּרשה איז באַהאַלטן די 'מהלך החיים' און די ריכטיגע השקפה, וויאַזוי צו טראַכטן ריכטיג; צו **פאַרשטיין וואָס איז אַן 'עיקר' און וואָס איז אַ טפל**; און צו דערהערן אַ הסבר אויף די זאַכן וואָס פּאַסירן אויף דער וועלט.

ווען אַ איד לערנט די תורה באַקומט ער די פּונקטליכע 'הבנה'; ער דערהערט וואָס ער האָט צוטון! **דאָס איז געאייגנט פאר יעדע איינציגע נשמה** און דאָס לייכט אַרויס פון די 'תורה שבכתב'. די תורה שבעל פה פאַרברייטערט עס דערנאָך, אָבער די שורש פון אַלעס שטייט קלאָר אין די פּסוקים פון 'תורה שבכתב'!

ווען אַ איד גייט צו צום לערנען תורה אויף אַזאַ אופן, אַז אַלעס שטייט דאָ, גיט אים דער אויבערשטער סייעתא דשמיא אַז ער זאָל טאַקע קענען אָנקומען צו דער הבנה וואָס פּאָדערט זיך, צו וויסן וואָס ער דאַרף טון אין יעדן שריט פון זיין לעבן.

## די תורה איז אַ כלי צו קענען ריכטיג תשובה טון

אין קורצע ווערטער: די תורה איז אַ כלי וואָס דער רבוש״ע האָט געגעבן פאַר'ן מענטש אַז דאָס זאָל אים מאַכן תשובה טון! **דאָס איז אין איין שורה די גאַנצע מהות פון דער תורה הק'!**

אַ איד דאַרף אָנקומען צו ווערן דבוק צו רבוש״ע במשך זיינע לעבנס טעג! **כדי דאָס זאָל פּאַסירן פעלט זיך אויס אַז ער זאָל דערהערן טויזנטער סאָרט ידיעות**; ער דאַרף באַקומען אַ נייע דערהער אין הכרת הטוב; ער דאַרף באַקומען אַ הבנה וואָס פּאַסירט ווען אַ מענטש טוט חלילה אַן עבירה; ער דאַרף באַקומען אַ דערהער וואָס געשעט אין דער בריאה ווען מענטשן ווערן נתרחק פונעם אויבערשטן. און אַזוי ווייטער. **ס'האָט נישט קיין גבול וויפיל ידיעות מען דאַרף האָבן**, די תורה איז דאך 'ארוכה מארץ מדה'.

דערפאַר האָט טאַקע דער רבוש״ע אונז באַפוילן: "והגית בו יומם ולילה" - אַ איד דאַרף שטענדיג זיך קובע זיין עתים לתורה, **ווייל דו דאַרפסט דאך תשובה טון, און די תורה איז די כלי וויאַזוי מיר קענען תשובה טון!** מיר לערנען תורה כדי "לאהבה וליראה את שמך", **דאָס איז די גאַנצע סיבה פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט אונז געהייסן לערנען!**

## 'יעדע' ידיעה פון 'יעדע' חלק התורה העלפט אויף תשובה

אודאי איז דאָ אַסאַך חלקים אין דעם, וויאַזוי די תורה מאַכט אַז אַ איד זאל תשובה טון. ס'איז דאָ מענטשן וואָס קוקן דאָס נאָך אָן מיט אַ קטנות'דיגע, קינדערישע בליק, כאילו נאר ווען לערנט 'הלכה למעשה', דעמאָלט העלפט די תורה אַז מ'זאָל וויסן וויאַזוי צו זיין אַן ערליכער איד, אָבער ווען מען לערנט אַ זאַך וואָס איז נישט נוגע למעשה, דעמאָלט לערנט מען דאָס בלויז לשם ידיעת התורה.

דאָס איז אַ מורא'דיגער טעות צו טראַכטן אַז לימוד התורה איז איינגעטיילט אין צוויי חלקים: איין חלק איז צו לערנען הלכות אַז מ'זאָל וויסן וויאַזוי זיך צו פירן, לידע את המעשה אשר יעשון, און דערנאָך איז דאָ אַ חלק צו לערנען אַנדערע לימודים לשם ידיעת התורה. דאָס איז נישט ריכטיג! מ'דאַרף זיך איינ'חזר'ן דעם אמת אַז **דאָס לערנען הלכה למעשה איז בלויז איין פּרט וויאַזוי די תורה העלפט אַ מענטש תשובה טון!** אָבער דאָס איז בכלל נישט מוגבל צו דעם איין פּרט!

# שלום עליכם! געדענקסט בכלל אַז דער רבוש״ע האָט דיך געראַטעוועט נעכטן?!

פּונקט ווי ווען אַ מענטש לערנט 'הלכות בורר' העלפט אים דאָס תשובה טון, ווייל נאָכדעם וואָס ער האָט געלערנט די הלכה טוט ער תשובה אויף זיינע טעותים, ער ווייסט שוין וואָס איז מותר און וואָס איז אסור, **דאָס זעלבע איז ביי יעדע ידיעה פון אַלע חלקי התורה!** קיין שום ידיעה פון דער תורה איז נישט געגעבן געוואָרן בלויז לשם ידיעה אליינס! יעדע איינציגע ידיעה איז אַ וועג וויאַזוי דער מענטש קען תשובה טון און וויאַזוי ער זאָל קענען לעבן ריכטיג מיט אַ נאָענטקייט צום רבוש״ע!

## יעדע ידיעה פון דער תורה שוואַכט אָפּ דעם יצר הרע

ס'איז דאָ אַזעלכע ידיעות וואָס דער מענטש פאַרשטייט גלייך וויאַזוי דאָס גייט אים העלפן תשובה טון, און ס'איז דאָ ידיעות וואָס דער מענטש כאַפּט נישט אויף דער מינוט וויאַזוי דאָס גייט אים מאַכן אַן ערליכער איד.

איינס פון די פּשוט'ע אופנים וויאַזוי מ'קען פאַרשטיין אַז יעדע שטיקל תורה העלפט תשובה טון, איז אַז יעדע איינציגע ידיעה פון דער תורה - וואָס אַ איד לערנט מיט דער כוונה אַז דאָס וועט אים העלפן נאָענט ווערן צום רבוש״ע - איז די ידיעה אַ שטיק 'אלוקות', און ווען דער איד נעמט דאָס אַריין אין קאָפּ **מאַכט דאָס ביטול היצר!** עס שוואַכט אָפּ זיין יצר הרע און דער איד איז זוכה צו תשובה!

ווען אַ מענטש זעצט זיך לערנען אַ שעה רצופות, אפילו אויב ער לערנט יעצט אַ תוספות אין יבמות וואָס איז אים בכלל נישט נוגע אויף למעשה, **שוואַכט דאָס אָפּ זיין יצר הרע און עס ברענגט אים צו נענטער צו תשובה**, אויב האָט ער געלערנט מיט דער כוונה, ווייל ער האָט געוואָלט ווערן נאָענטער צו השי״ת! אויב האָט ער זיך מתבונן געווען פאַר'ן לערנען, און אויב ער האָט טאַקע געלערנט ברציפות.

פאַרשטייט זיך אַז מ'רעדט נישט אויב ער האָט געלערנט אין אַ מצב פון קלות ראש - וואָס דעמאָלט איז דאך זיכער נישט די לימוד התורה מיט אַ כוונה פון תשובה טון און ס'איז אַ שאָד אויף אַזאַ תורה.

אָבער ווען אַ איד לערנט מיט אַן ערנסטקייט, מיט דער כוונה צו קענען דורכדעם תשובה טון, דעמאָלט געשעט אז שטיקל תורה וואָס גייט אַריין אין זיין מח טוט באַרואיגן זיין גוף, **עס וועט אָפּשוואַכן זיין יצר הרע וואָס קאַמאַנדעוועט אַרום!** ווען ער באַקומט נאָך אַ ידיעה אין תורה באַקומט ער די כוחות זיך צו מתגבר זיין אויפ'ן יצר הרע.

## אונזערע דורכפעלער ברוחניות קומט פון נישט האָבן אַ ריכטיגע השקפה

נאָך אַ זאַך וואָס איז זייער וויכטיג צו וויסן איז אַז **רובא דרובא פון די פּראָבלעמען וואָס אַ מענטש האָט ברוחניות, איז וויבאַלד ס'פעלט אים די ריכטיגע בליק אין אידישקייט!** לאָמיר עס נאָכאַמאָל איבער'חזר'ן: רוב פּראָבלעמען ברוחניות, אויב נישט הונדערט פּראָצענט דערפון, קומט וויבאַלד עס פעלט אונז די יסודות וויאַזוי צו אָנקוקן דאָס לעבן מיט אַ תורה'דיגע השקפה!

וועט אַ מענטש פרעגן: "השקפה? דאָס האָב איך ב"ה! איך ווייס אַלעס! איך קען דאָס אפילו איבערזאָגן אויסנווייניג! כ'האָב נאר אַ יצר הרע וואָס שלעפּט מיך אַראָפּ!".

דאָס איז אַ טעות גדול! דאָס מציאות איז אַז אויב וואָלט דער מענטש געווען געבויעט מיט אַ טיפע, געזונטע און קלאָרע בליק און השקפה אין לעבן, **וואָלט אים געווען גענוג ליכטיג אַז דער חושך זאָל אים נישט קענען פאַרטומלען!**

## די וויכטיגקייט פון לעבן מיט 'הכרת הטוב'

לאָמיר נעמען אַ דוגמא די סוגיא פון הכרת הטוב: דער ענין פון הכרת הטוב איז דאָך אַ געוואַלדיגע פונדאַמענט אין השקפה, אָבער ביי רוב מענטשן פאַרנעמט דאָס אין זייער קאָפּ גאָר אַ קליין פּיצעלע פלאַץ - אויב ס'פאַרנעמט בכלל עפּעס פלאַץ...

די נושא פון הכרת הטוב איז פּונקט גוט צו קענען זאָגן אַלס אַ גוט וואָרט אויף דער פּרשה, ווען מ'רעדט פון די פּסוקים פון 'ביכורים' אין 'פּרשת כי תבא'. בפרט ווען מען דאַרף אַמאָל זאָגן אַ דרשה ביי אַ 'שבע ברכות', קומט עס אַלעמאָל גוט אַריין... איבערהויפּט אַז ס'איז אַ לייכטע נושא וואָס מ'קען רעדן דערפון סיי פאַר אַ מער מאָדערנער ציבור און סיי פאר אַ פרומערער ציבור... ס'שטימט גוט ביי אַלע סאָרט מצבים.

## די שאלה איז: דאָס איז טאַקע אַלעס וואָס מיר ווייסן וועגן הכרת הטוב?!

ווען מיר וואָלטן דערהערט וויאַזוי רש"י לערנט אָפּ די סוגיא פון הכרת הטוב, **וואָלטן מיר דאך געהאַט אַזאַ ריינע השקפה!** עס וואָלטן זיך אַזויפיל זאַכן געטוישט ביי אונז! **וויפיל פּראָבלעמען 'בין איש לאשתו' וואָלט אַוועקגעגאַנגען**, אָן קיין שום קורסן און אָן קיין עצות, פּשוט ווייל דער איד האָט געלערנט תורה, האָט ער דערהערט אַ נייע באַגריף וואָס איז דאָס הכרת הטוב! ער איז מלא שמחה און ער איז אַזוי דאַנקבאַר פאַר'ן אויבערשטן אויף יעדע קליינע טובה וואָס ער האָט אים געגעבן!

## אונזער בליק אויף 'הכרת הטוב' איז אַזוי קרום

די זעלבע זאַך זעט מען ביי אַזויפיל סאָרט 'בין אדם לחבירו'דיגע מצבים. וויפיל מאָל מאַכט זיך אַז אַ מענטש דרייט זיך אַרום מיט שטאַרקע טענות אויף אַ צווייטן. לאָמיר זאָגן אַז יענער האָט דיך טאַקע באַ'עול'ט, אָבער לייג אַוועק די אמונה אין אַ זייט אויף אַ מינוט, געדענקסט טאַקע נישט בכלל

אַז בשעת מעשה וואָס דו פירסט אַ רוגזא האַלטסטו אַן הלוואה וואָס יענער האָט דיך געבאָרגט עטליכע טויזנט דאָלער? נישט בלויז יעצט, נאר יענער האָט דיך שוין 15 מאָל געבאָרגט געלט!

יעצט האָט ער דיך טאַקע מבייש געווען אָדער באַ'עול'ט, אָבער אונזער מח איז נישט גלייך... מיר פאַרגעסן די אַלע גוטע זאַכן וואָס יענער האָט אונז געטון און מיר געדענקן נאר די שלעכטס! דאָס איז ווייל אונזער השקפה, אונזער בליק אויף הכרת הטוב, איז אַזוי קרום, דעריבער מאַכן מיר גראָבע טעותים וואָס ברענגט אונז אַלע פּראָבלעמען! די ענין פון הכרת הטוב איז דאך אַזאַ טיפע זאַך, מען קען זיך מעמיק זיין דערינען, אָבער מיר טוען דאָס נישט ווייל מיר לערנען עס נישט געהעריג אָפּ.

## די טענה אויף דעם 'דור הפלגה' אַז זיי האָבן נישט געהאַט קיין 'הכרת הטוב'

רש"י גלייך אָנהויב פון דער תורה, אין פּרשת נח, לערנט אונז אָט דעם יסוד! אויפ'ן פּסוק ביי דעם דור הפלגה: **"וירד ה' לראות את בני העיר ואת המגדל אשר בנו בני האדם"**. ברענגט רש"י פונעם מדרש: **"בני האדם, אלא בני מי? שמא בני חמורים וגמלים?! אלא בני אדם הראשון שכפר את הטובה ואמר 'האשה אשר נתתה עמדי', אף אלו כפרו בטובה למרוד במי שהשפיעם טובה ומלטם מן המבול"**.

רש"י איז אונז מסביר, אַז די אַלע מענטשן פון דעם דור הפלגה זענען בעצם געראַטעוועט געוואָרן ביי דעם מבול. די גאַנצע וועלט איז דאך פאַרשוועמט געוואָרן. **דער עולם איז נישטאָ מער. ווער איז יאָ געבליבן זיך דרייען דאָ?** אָה, דאָס זענען די אייניקלעך פון נח, וואָס זענען געראַטעוועט געוואָרן דורך די תיבה. אַצינד האָבן זיי זיך אויפגעוועקט, זיי ווילן בויען אַ 'מגדל'... **שלום עליכם! געדענקסט בכלל אַז דער רבוש"ע האָט דיך געראַטעוועט נעכטן?!** האסט אינגאַנצן פאַרגעסן דערפון!

דאָס איז אויך אונזער בליק אין לעבן! מיר פאַרגעסן די טובות וואָס מען האָט אונז געטון. דער מלמד וואָס האָט דיך געטון אַזויפיל טובות קוקסטו נישט אויף אים, ווייל ווען דו ביזט געווען אין כתה ג' האָט ער דיך אַמאָל אָנגעשריגן... לאָמיר זאָגן אַז ער איז טאַקע נישט געווען דער אויסגערופענער מלמד אָבער ער האָט זיך אַזוי סאַך אָפּגעגעבן מיט דיר! אין בית המדרש זאָגסטו אים אפילו נישט 'גוט שבת', ווייל ער איז דאך פון די קינדערישע תלמוד תורה, ס'איז אַ בושה בכלל אים צו זאָגן 'גוט שבת'... אַזוי איז דאָ טויזנטער זאַכן אין די איין פּרט פון 'הכרת הטוב' וואָס מיר דאַרפן באַקומען דערויף אַ נייע בליק.

## די האַרבקייט פון 'מחלוקת' און דאָס גרויסקייט פון 'שלום'

נאָך אַ יסודות'דיגע רש"י פון פּרשת נח איז וואו ער ברענגט דעם חילוק צווישן דעם 'דור הפלגה' און דעם 'דור המבול'. דער 'דור הפלגה' איז דאך געווען כפירה מוחלטת, זיי האָבן זיך פּשוט געקריגט כביכול מיט'ן רבוש"ע. ווידעראום דער 'דור המבול' האָט בלויז געזינדיגט מיט 'גזל' און 'חמס'. למעשה זעט מען אַז **דער 'דור המבול' איז געוואָרן אָפּגעווישט פון דער וועלט**, ס'איז נישט געבליבן פון זיי קיין זכר, און דער 'דור הפלגה' האָט דער רבוש"ע בלויז אויסגעמישט זייער שפּראַך און זיי אויסגעשפּרייט איבער דער וועלט. **וויאַזוי אַרבעטן די זאַכן?!**

## וויפיל חיזוק ליגט דאָ פאַר מענטשן וואָס האָבן נישט קיין קינדער!

דאָס איז אַ פּשוט'ע קשיא וואָס אויב מען איז נישט מעביר סדרה מיט'ן בעל קורא פאַלט עס גלייך איין פאַר יעדן וואָס לערנט די פּסוקים.

זאָגט אונז רש"י: דאָס איז טאַקע זייער גוטע קשיא, און די תורה וויל אונז לערנען ווי שטאַרק דער רבוש"ע האָט ליב שלום און פיינט מחלוקת! דער 'דור המבול' האָט גע'גנב'ט און האָבן זיך געקריגט, דעריבער זענען זיי נאבד געוואָרן מן העולם. אָבער די 'דור הפלגה', טראָצדעם וואָס זיי זענען נישט געווען קיין גרויסע צדיקים, אָבער זיי האָבן זיך געפירט באהבה וריעות, זענען זיי נישט פאַרלוירן געגאַנגען.

דאָס איז דאך אַזאַ מורא'דיגע רש"י! ווי קען מען אפילו זאָגן אַז ס'איז נישטאָ קיין סאַך רש"י'ס מיט יסודות'דיגע לימודים, נאר אַמאָל אַמאָל... די רש"י גיט אונז אַזאַ ריכטיגע בליק! **אַ גאַנץ לעבן קען מען מוסיף זיין צו פאַרשטיין בעסער די רש"י.** דאָס איז נישט סתם אַ מדרש, נאר דאָס איז דער פּסוק! רש"י זאָגט אונז מיט וועלכע צוגאַנג מיר זאָלן לערנען דעם פּסוק!

רש"י האָט געהאַט פאַר זיך אַלע מדרשים, און ער האָט אויסגעקליבן וועלכע פּשט ער זאל אָפּשרייבן פאַר'ן לומד. **רש"י האָט געלערנט תורה כדי צו תשובה טון און ער האָט אויך געמאַכט זיין פּירוש 'אונז' צו העלפן תשובה טון דורך לערנען די הייליגע תורה!** דעריבער האָט ער בוחר געווען די סאָרט פּשטים פון מדרש וואָס גייען אונז מאַכן תשובה טון!

## די עיקר הצלחה פונעם מענטש איז די אייגענע מעשים טובים

אַ דריטע ביישפּיל פון אַ יסודות'דיגע רש"י:

גלייך ווען מען הייבט אָן פּרשת נח דעם פּסוק: "אלה תולדות נח, נח איש צדיק תמים היה בדורותיו", ווערט גלייך שווער, וואָס איז פּשט פון די ווערטער "אלה תולדות נח נח". מען קען זאָגן אַסאַך פּשטים דערויף, אָבער רש"י קומט און זאָגט אונז: **"דאָס איז צו לערנען - שעיקר תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים"!**

וואָס פאַראַ מורא'דיגע יסוד ליגט דאָ! **ס'איז דאך ממש אַ בראָך אויף די אַלע מענטשן וואָס ווייסן פון די רש"י אָבער זיי כאַפּן נישט וואָס דאָ שטייט!**

אויב וואָלט מען געקענט טרעפן אַ מענטש וואָס איז פופציג יאָר אַלט און ער האָט נאָכנישט געהערט פון די רש"י, וואָלט מען דאָך געקענט ראַטעווען דעם מענטש דורך אים פאַרציילן די ידיעה פון דעם רש"י!

דער געווענליכער מענטש שפּירט אַז **זיין גאַנצע הצלחה ווענדט זיך אויב ער האָט איבערגעלאָזט קינדער תלמידי חכמים**; זיין הצלחה איז תלוי אויב ער האָט אויפגעשטעלט אַ שיינע שטוב און ער האָט מרבה געווען תורה דורך זיינע קינדער. זאָגט אונז רש"י: **ניין ניין! דאָס איז נישט די הצלחה! די הצלחה פון אַ איד איז אויב דו ביזט אליינס געוואָרן אן עובד ה'!** דאָס הייסט עפּעס געטון! דאָס הייסט די ריכטיגע 'תולדות', אַז דו האסט געבויעט אויף דער וועלט! האסט געהאַט וווילע קינדער? זייער פיין, דער רבוש"ע האָט דיך געגעבן אַ מתנה! **אָבער די אמת'ע הצלחה אין לעבן איז דיין אייגענע עבודת ה'!**

## מ'דאַרף זיך מתבונן זיין אין די הייליגע ווערטער פון רש"י

די צרה איז אַז מיר האָבן שוין געזען די רש"י הונדערטער מאָל. דאָס מאַכט אַז אונזער מח באַמערקט ניטאַמאָל די ווערטער פון רש"י...

מ'זאָגט עס אָפּ און מען טראַכט נישט אַריין: **וויפיל חיזוק ליגט דאָ פאר מענטשן וואָס האָבן נישט קיין קינדער! וויפיל חיזוק ליגט דאָ פאר מענטשן וואָס האָבן נישט מצליח געווען מיט די קינדער!** וויפיל השקפה ליגט דאָ! מען באַקומט דאך אַ נייע דערהער; וואָס הייסט די אמת'ע הצלחה! דאָס מיינט אַז דו קענסט יעצט אָנהויבן אַרבעטן מיט זיך אליינס! די גאַנצע הצלחה ווארט נאָך אויף דיר! **קענסט נאָך זיין דער גרעסטער מוצלח, אָן קיין שטעלע, אָן קיין קינדער, אן גאָרנישט!** אויב דו וועסט זיך נעמען צו יראת שמים און מעשים טובים איז דאָס די מאַקסימום הצלחה און 'תולדותיהם של צדיקים'!

מיר לערנען דאָס און מיר גייען גלייך ווייטער: "אָה, די רש"י קען איך דאָך, אוודאי"... **מיר דערהערן נישט ווי טיף די רש"י איז.** אַזעלכע ווערטער פון רש"י קען דאָך איבערנעמען און טוישן אונזער גאַנצע בליק אויפ'ן לעבן! ס'איז נוגע פאר היינט, פאר מאָרגן און פאר אַלעמאָל!

## רש"י איז אונזער בעסטער רבי

ווי דערמאַנט איז די תורה געגעבן געוואָרן אַז מיר זאָלן תשובה טון! און יעדן טאָג דאַרף אַ מענטש זיך דערהייבן טיפער מיט זיין השקפה.

ס'איז נישטאָ אַזאַ באַגריף אַז מען געפינט זיך אין אַ גוטע סביבה, צווישן ערליכע אידן, מיט אַ גוטער רבי, און אַזוי האָט מען דעם ריכטיגן בליק אין לעבן. נישטאָ אַזאַ זאַך! דאָס איז אַ טעות וואָס ברענגט אַזויפיל פּראָבלעמען! **יעדער איד איז מחיוב צו בויען זיין השקפה טאָג טעגליך פון אונזערע הייליגע רבי'ס.** ווער זענען אונזערע רבי'ס?! דאָס האָבן דאך אַלע אונזערע צדיקים געזאָגט אַז רש"י הק' איז דער רבן של ישראל, ער איז אונזער רבי!

לערן די יסודות פון רש"י וועסטו אַסאַך בעסער פאַרשטיין וואָס דער רבי זי"ע - יעדער איינער זיין רבי - האָט געזאָגט ביי זיינע דברי תורה. **ביז יעצט האָסטו געמיינט אַז ס'איז עפּעס אַ חידוש'דיגע ווארט וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין דעם לעצטן דור, אויב וועסטו אָבער לערנען רש"י וועסטו זען אַז ס'איז אַן אָפענע רש"י וואָס ער ווייזט אונז אַז דאָס ליגט אין דעם פּסוק.** דאָס חזר'ט זיך איבער אין יעדע פּרשה נאָכאַמאָל!

אין יעדע איינציגע פּרשה איז דאָ אַזוי סאַך יסודות, וואָס זענען ליכטיג, ברייט און רייך. אַ איד קען ווערן אַזוי אָנגעפולט מיט דעם אַז נאָכדעם ווייסט ער שוין גוט מבחין צו זיין וואָס איז אַן 'עיקר' און וואָס איז אַ 'טפל', ער ווייסט וועלכע זאַכן זענען סתם שטותים וואָס מענטשן טוען, און וועלכע זאַכן זענען מענטשן עובר אויף 'דאורייתא'ס' מחסרון ידיעה. לערן חומש רש"י! קאָך זיך אין דעם! וועסטו האָבן אַ ליכטיגן בליק ווי אַן ערליכער איד!